דעם לימוד האָט איבערגעהאַקט אַ צעשויבערטער יונג מיט אַ שטריק אַרום די לענדן, אַ טרעגער. ער איז אַרײַנגעקומען אין בית־המדרש, אַנידערגעשטעלט אַ שיסל גריץ מיט אַ שטיקל ברויט אויפֿן טיש נעבן ראש־ישיבֿה און מיט אַ גראָב קול געזאָגט: — „ר׳ טעבל שיקט דעם ראש־ישיבֿה עסן!”, און האָט זיך איבערגעדרייט, און אַרויסגייענדיק צוגעגעבן: „שפּעטער וועל איך קומען נאָך דער שיסל!”

אַרויס דורך דעם גראָבן טרעגער־קול פֿון דער געטלעכער האַר־מאָניע, האָט זיך דער ראש־ישיבֿה שווער אויפֿגעהויבן און איז, נאָכ־שלעפּנדיק די גרויסע שטיוול, צוגעגאַנגען צום כּיור זיך וואַשן.

גייענדיק האָט ער ווײַטער גערעדט, נאָר מיט ווייניקער התלהבֿות, און דער תּלמיד האָט אים פֿון זײַן אָרט נאָכגעיאָגט מיט די אויפֿ־געשפּיצטע אויערן און ברענענדיקע פֿאַרחלומטע אויגן.

— נאָר — זאָגט ווײַטער ר׳ יעקל מיט אַ טרויעריקער שטימע — איך האָב אַפֿילו די זכיה נישט משיג צו זײַן, אין וואָס פֿאַר אַ בחינה דאָס איז! אין וועלכן שער[4] דאָס קומט! זעסט דו — גיט ער שוין צו מיט אַ שמייכל — די סגופֿים מיט די צרופֿים, וואָס מען דאַרף דערצו, די ווייס איך און וועל זיי דיר נאָך אפֿשר הײַנט איבערגעבן!

דעם תּלמיד קריכן שיִער די אויגן אויס; ער האַלט אָפֿן דאָס מויל צו כאַפּן יעדעס וואָרט. נאָר דער רבי האַקט־אָפּ, ער וואַשט זיך, ווישט זיך די הענט, זאָגט „שאו ידיכם”, גייט־צוריק צום טיש, און מאַכט מיט ציטעריקע ליפּן די „המוציא”...

מיט ציטעריקע דאַרע הענט הייבט ער אונטער די שיסל. די פּאַרע פֿאַרדעקט אים, מיט אַ וואַרעמען דונסט[5] דאָס בייניקע פּנים; דערנאָך שטעלט ער זי צוריק, נעמט דעם לעפֿל אין דער רעכטער האַנט און וואַרעמט די לינקע האַנט אין ראַנד פֿון שיסל. דערבײַ צעקוועטשט ער מיט דער צונג אין די גאָלע דזשיאָנסלעס[6] די רעשט „מוציא” מיט זאַלץ.

אָנגעוואַרעמט דאָס פּנים מיט די הענט, קנייטשט ער שטאַרק אײַן דעם שטערן, ציט־צוזאַמען די בלאָנעי־בלויע דאַרע ליפּן, און הייבט־אָן בלאָזן.

בײַ דער גאַנצער צײַט האָט פֿון אים דער תּלמיד קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט. און בשעת דעם רבינס ציטערדיק מויל איז אַקעגנ־געלאָפֿן דעם ערשטן לעפֿל גריץ האָט אים עפּעס אָנגעכאַפּט בײַם האַרץ; ער האָט זיך פֿאַרשטעלט דאָס פּנים מיט בײדע הענט און האָט זיך אין גאַנצן אײַנגעצויגן.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז אַרײַנגעקומען נאָך אַ יונג מיט נאָך אַ שיסל גריץ מיט ברויט: „ר׳ יוסף שיקט דעם תּלמיד אָנבײַסן!”

נאָר דער תּלמיד האָט נישט אַוועקגענומען די הענט פֿון פּנים.

דער ראש־ישיבֿה האָט אַוועקגעלייגט דעם לעפֿל און איז צו־געגאַנגען צום תּלמיד. אַ ווײַלע האָט ער מיט שטאָלצער ליבע אויף אים געקוקט, דערנאָך האָט ער אײַנגעהילט די האַנט אין דער פּאָלע און אָנגערירט אים דעם אַקסל.

— מען האָט דיר געבראַכט עסן! — וועקט ער אים מיט אַ פֿרײַנדלעך קול. טרויעריק און לאַנגזאַם האָט דער תּלמיד אַוועק־גענומען די הענט פֿון פּנים. און דאָס פּנים איז נאָך בלאַסער געווען און די אונטערגעשלאָגענע אויגן האָבן נאָך ווילדער געברענט.

— איך ווייס, רבי! — ענטפֿערט ער — נאָר איך וועל נישט עסן הײַנט.

— דער פֿערטער תּענית? — האָט דער ראש־ישיבֿה געפֿרעגט פֿאַרוווּנדערט.

— און אָן מיר? — גיט ער צו מיט אַ פּרעטענזיע.

— עס איז אַן אַנדער תּענית — ענטפֿערט דער תּלמיד — עס איז אַ תּענית־תּשובֿה!

— וואָס רעדסט דו? דו — און אַ תּענית תּשובֿה?

— יאָ, רבי! אַ תּענית־תּשובֿה... אַ רגע פֿריִער, ווען איר האָט אָנגעהויבן עסן, האָב איך געהאַט אַ הרהור[8]... עובֿר צו זײַן אויף לא תחמוד!

*

Занятия прервал неопрятного вида детина, грузчик, опоясанный веревкой. Он вошел в молельню, поставил на стол перед главой ешибота миску гречневой каши с ломтем хлеба и грубым голосом сказал:

— Реб Тевл посылает еду главе ешибота! — Уходя, он обернулся и добавил: — За миской приду потом.

Выбитый голосом неотесанного грузчика из сферы божественной гармонии, глава ешибота тяжело поднялся и, волоча ноги в огромных сапогах, подошел к рукомойнику, чтобы совершить омовение.

Двигаясь, он продолжал говорить, но уже с меньшим жаром, а ученик, застыв на своем месте и насторожив уши, следовал за ним пылающим завороженным взглядом.

— Но я,— говорил далее реб Екл голосом, полным скорби,— я даже не удостоен постигнуть, которая это ступень! На которые небесные врата это приходится! Конечно,— прибавил он уже с улыбкой,— необходимые испытания и тайные слова-заклятья я знаю и, быть может, еще сегодня посвящу тебя в них.

Глаза ученика чуть не вылезают из орбит; с разинутым ртом застыл он, боясь пропустить хоть слово. Но рабби умолкает, моет руки, вытирает их и возвращается к столу, бормоча слабыми губами молитву...

Дрожащей исхудалой рукой поднимает он миску. Пар обволакивает и обдает теплом его костлявое лицо; потом старик ставит миску на место, берет в правую руку ложку, а левую греет о края миски. При этом он разминает языком на беззубых деснах кусочек хлебного мякиша, посыпанный солью.

Согрев лицо и руки, он сильно морщит лоб, сводит синие сухие губы и начинает дуть!

В течение всего этого времени ученик не отрывал от него глаз. И когда дрожащий рот рабби двинулся навстречу первой ложке гречневой каши, у Лемеха почему-то больно защемило сердце; он закрыл лицо обеими руками и весь сжался.

Через несколько минут в молельню вошел другой детина, неся миску гречневой каши и ломоть хлеба.

— Реб Иойсеф посылает ученику завтрак!

Но ученик не отнимал от лица рук.

Глава ешибота отложил в сторону ложку и подошел к нему. Мгновение он с гордой любовью смотрел на него, потом, обернув руку полой, прикоснулся к его плечу.

— Тебе принесли поесть,— мягко потормошил он его.

Ученик печально и медленно отнял от лица руки. Лицо его было еще бледнее, и глаза, в темных кругах, горели еще более диким огнем.

— Знаю, рабби! — ответил он.— Но я не буду сегодня есть!

— Четвертый день поста? — удивился глава ешибота.— И без меня? — добавил он с упреком.

— Это совсем иной сути пост,— отозвался ученик,— это покаянный пост!

— О чем ты говоришь? Ты — и покаянный пост?

— Да, рабби, покаянный!.. Одним мгновением раньше, когда вы начали есть, я оступился — у меня явилась мысль преступить заповедь: «Не пожелай!..»

אין דער זעלביקער נאַכט, גאַנץ שפּעט, האָט דער תּלמיד געוועקט דעם רבין. זיי זײַנען ביידע געשלאָפֿן, זיך קעגנאיבער, אויף בענק אין קלויז.

— רבי! — רבי! האָט ער גערופֿן מיט אַ שוואַכן קול.

— וואָס איז? — האָט זיך דער ראש־ישיבֿה אויפֿגעכאַפּט דערשראָקן.

— איך בין צינד געווען אין דער העכער מדרגה...

— ווי אַזוי? — פֿרעגט דער ראש־ישיבֿה נאָך אַ ביסל פֿאַרשלאָפֿן.

— עס האָט אין מיר געזונגען!

דער ראש־ישיבֿה האָט זיך אויפֿגעזעצט:

— ווי אַזוי, ווי אַזוי?

— איך ווייס אַליין נישט, רבי... — האָט דער תּלמיד מיט נאָך אַ שוואַכערן קול געענטפֿערט — איך האָב נישט געקאָנט שלאָפֿן, האָב איך מיך פֿאַרטיפֿט אין אײַער שמועס... איך האָב געוואָלט דווקא קענען דעם ניגון... און איך האָב פֿאַר גרויס צער, וואָס איך קען נישט דעם ניגון, אָנגעהויבן וויינען... עס האָט אין מיר אַלץ געוויינט; אַלע אבֿרים האָבן געוויינט פֿאַרן רבונו של עולם! דערבײַ האָב איך געמאַכט די צירופֿים [9], וואָס איר האָט מיר איבערגעגעבן... אַ וווּנדערלעכע זאַך: נישט מיטן מויל, נאָר עפּעס אינעווייניק... פֿון זיך אַליין! ראַפּטעם איז מיר ליכטיק געוואָרן... איך האָב געהאַלטן צו די אויגן און עס איז מיר געווען ליכטיק, זייער ליכטיק, זייער שטאַרק ליכטיק!...

— אָט! — בייגט זיך צו דער ראש־ישיבֿה.

— דערנאָך איז מיר געוואָרן פֿון דעם ליכט אַזוי גוט, אַזוי לײַכט... עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך וועג גאָר נישט, אַז מײַן גוף האָט די וואָג פֿאַרלוירן, אַז איך קאָן פֿליִען...

— אָט! אָט!

— דערנאָך בין איך געוואָרן לוסטיק, לעבעדיק, לאַכנדיק... דאָס פּנים האָט זיך מיר נישט גערירט, די ליפּן אויך נישט, און איך האָב דאָך געלאַכט... און אַזוי גוט, אַזוי האַרציק, אַזוי נחתדיק געלאַכט!

— אָט! אָט! אָט! — מתּוך שׂמחה!

— דערנאָך האָט עפּעס אין מיר געברומט, ווי אַן אָנהייב פֿון אַ ניגון געברומט.

דער ראש־ישיבֿה איז אַראָפּגעשפּרונגען פֿון זײַן באַנק און איז מיט אַ מאָל געווען בײַם תּלמיד:

— נו... נו!

— דערנאָך האָב איך געהערט, ווי עס האָט אין מיר אָנגעהויבן זינגען!

— וואָס האָסטו געפֿילט? וואָס? וואָס? זאָג!

— איך האָב געפֿילט, אַז אַלע חושים זײַנען מיר פֿאַרשטאָפּט און פֿאַרמאַכט, און עפּעס אינעווייניק זינגט... און אַזוי ווי מען דאַרף — נאָר אָן ווערטער, אָט אַזוי...

— ווי אַזוי? ווי אַזוי?!

— ניין, איך קאָן נישט... פֿריִער האָב איך געוווּסט... דערנאָך איז פֿונעם זינגען געוואָרן... געוואָרן...

— וואָס איז געוואָרן — וואָס?...

— אַ מין שפּילן... גלײַך, להבֿדיל, איך וואָלט אינעווייניק אין מיר אַ פֿידל געהאַט אָדער גלײַך יונה כּלי־זמר זאָל אין מיר זיצן און שפּילן זמירות, ווי בײַם רבין צו טיש! נאָר עס האָט געשפּילט נאָך בעסער, נאָך איידעלער, מיט נאָך מער רוחניות! און אַלץ אָן אַ קול, אָן אַ שום קול — סאַמע רוחניות!...

— וווויל איז דיר! וווויל איז דיר! וווויל איז דיר!

— צינד איז אַלץ אַוועק! — מאַכט טרויעריק דער תּלמיד, — עס האָבן זיך מיר צוריק געעפֿנט די חושים און איך בין אַזוי מיד, אַזוי מיד, אַ־זוי מי־ד!... אַז איך...

В эту же ночь, поздней порой, ученик будил своего рабби. Оба они спали друг против друга на скамьях в молельне.

— Рабби! Рабби! — звал он слабым голосом.

— Что? Что? — испуганно встрепенулся глава ешибота.

— Я только что сподобился самой высокой ступени...

— Каким образом? — спросил глава ешибота, еще не вполне проснувшись.

— Во мне пело!

Глава ешибота присел.

— Как, как?

— Сам не знаю, рабби,— отвечал ученик еще более слабым голосом,— мне не спалось, и я углубился мыслями в ваши слова... Я хотел во что бы то ни стало познать этот напев... И от великого огорчения, что не знаю напева, я начал плакать... Все во мне рыдало; все существо мое плакалось господу богу!

При этом я произнес заклятье, одно из тех, что вы мне открыли... И дивное дело: не устами, не ртом, оно сотворилось как-то там, внутри... само от себя! Внезапно мне стало светло... Глаза закрыты, а мне светло, очень светло, необыкновенно светло!..

— Вот! — глава ешибота наклонился к ученику.

— И от этого света мне стало потом так хорошо, так легко... Мне казалось, что я стал невесом, что тело мое утратило свою тяжесть и я могу летать...

— Вот! Вот!

— Потом я стал весел, оживлен, смешлив... Лицо мое было неподвижно, губы тоже, и все же я смеялся!

— Вот! Вот! Вот! От самого существа веселья.

— Потом во мне что-то зазвучало, вроде начало какого-то напева зазвучало.

Глава ешибота соскочил со своей скамьи и мигом очутился возле своего ученика.

— Ну! Ну!

— Потом я услышал, как во мне начало петь!

— Что ты испытывал? Что? Что? Говори!

— Я ощущал, что все мои чувства глухо-наглухо закрыты, а где-то там, внутри, поет... И по-настоящему поет, как надо, но без слов, вот так...

— Как? Как?

— Нет, не могу... Я только что знал... Потом это пение обратилось... Обратилось...

— Во что обратилось, во что?..

— В нечто вроде игры на чем-то... Как если бы у меня внутри была скрипка или если бы Иона-музыкант сидел во мне и играл песнопения, как за столом у рабби! Но во мне играло еще лучше, еще нежнее, с еще большей задушевностью! И все это — без голоса, без малейших признаков голоса — чистая духовность!..

— Благо тебе! Благо тебе! Благо тебе!

— Теперь все ушло! — печально произнес ученик.— Снова открылись мои чувства, и я так устал, так устал, так устал!.. Что я...

— Рабби! — вскричал он вдруг, схватившись за сердце,— рабби! Читайте со мной покаяние! За мной явились! Там, в небесных сферах, недостало певчего! Ангел с белыми крыльями!.. Рабби! Рабби! Слушай, Израиль!..

В местечке все, как один человек, желали себе такой смерти. Но для главы ешибота этого было мало.

— Еще несколько постов,— вздыхал он,— и мой ученик отошел бы с лобзанием господним!

— רבי! — האָט ער ראַפּטעם אַ געשריי געטאָן, זיך אָנכאַפּנדיק בײַם האַרץ — רבי! זאָגט מיט מיר ווידוי! מען איז געקומען נאָך מיר!... עס האָט דאָרט אין פּמליא של מעלה אַ זינגערל פֿאַרפֿעלט! אַ מלאך מיט ווײַסע פֿליגל!... רבי! רבי! שמע ישׂראל! שמעעע... ישׂ...

*

דאָס גאַנצע שטעטל, ווי איין מענטש, האָט זיך געווונטשן אַזאַ טויט. נאָר פֿאַרן ראש־ישיבֿה איז נאָך ווייניק.

— נאָך אַ פּאָר תּעניתים — קרעכצט ער — וואָלט ער שוין געשטאָרבן בנשיקה[10]!

1894

[2] פּיניקתגען, מיט וואָס מקובלים האָבן זיך באַנוצט, אויף צו דערנענטערן זיך צו גאָט, צו שלימות („בסיגוף ובתעניות וביסורין", קבלת רבה, ג').

[3] אייבערשטע סוויטע, דעם רבונו של עולמס באַגלייטערס. — [4] טויער (פֿון הימל).

# באָנטשע שווײַג

דאָ, אויף דער וועלט, האָט באָנטשע שווײַגס טויט גאָר קיין אײַנדרוק נישט געמאַכט. פֿרעגט עמעצן בחרם: ווער באָנטשע איז געווען, ווי אַזוי ער האָט געלעבט, אויף וואָס ער איז געשטאָרבן! צי האָט אין אים דאָס האַרץ געפּלאַצט, צי די כּוחות זײַנען אים אויסגעגאַנגען, צי דער מאַרכבײן האָט זיך איבערגעבראָכן אונטער אַ שווערער לאַסט... ווער ווייסט? אפֿשר איז ער גאָר פֿאַר הונגער געשטאָרבן!

אַ פֿערד אין טראַמוויי זאָל פֿאַלן, וואָלט מען זיך מער אינטערעסירט. עס וואָלטן צײַטונגען געשריבן, הונדערטער מענטשן וואָלטן פֿון אַלע גאַסן געלאָפֿן און די נבֿלה באַקוקט; באַטראַכט אַפֿילו דאָס אָרט, ווו די מפּלה איז געווען...

נאָר דאָס פֿערד אין טראַמוויי וואָלט אויך די זכיה נישט געהאַט, עס זאָלן זײַן אַזוי פֿיל פֿערד ווי מענטשן — טויזנט מיליאָן...

באָנטשע האָט שטיל געלעבט און איז שטיל געשטאָרבן; ווי אַ שאָטן איז ער דורך — דורך אונדזער וועלט!

אויף באָנטשעס בּרית האָט מען קיין ווײַן נישט געטרונקען, עס האָבן קיין כּוסות געקלונגען. צו בר־מצווה האָט ער קיין קלינגענדיקע דרשה נישט געזאָגט... געלעבט האָט ער ווי אַ גרוי, קליין קערנדל זאַמד בײַם ברעג פֿון ים, צווישן מיליאָנען זײַנס גלײַכן. און אַז דער ווינט האָט'ן[1] אויפֿגעהויבן און אויף דער אַנדערער זײַט ים אַריבערגעיאָגט, האָט עס קיינער נישט באַמערקט.

בײַם לעבן האָט די נאַסע בלאָטע קיין צייכן פֿון זײַן פֿוס נישט באַהאַלטן. נאָכן טויט האָט דער ווינט דאָס קליינע ברעטל פֿון זײַן קבֿר אומגעוואָרפֿן; דעם קבֿרנס ווײַב האָט עס געפֿונען ווײַט פֿון קבֿר און דערבײַ אַ טעפּל קאַרטאָפֿל אָפּגעקאָכט. עס איז דרײַ טעג נאָך באָנטשעס טויט, פֿרעגט דעם קבֿרן בחרם, ווו ער האָט'ן געלייגט!

וואָלט באָנטשע אַ מצבֿה געהאַט, וואָלט אפֿשר איבער הונדערט יאָר אַן אַלטערטום־פֿאָרשער זי געפֿונען און דער נאָמען „באָנטשע שווײַג" וואָלט נאָך אַ מאָל איבערגעקלונגען אין אונדזער לופֿט.

אַ שאָטן! זײַן פֿאָטאָגראַפֿיע איז נישט געבליבן בײַ קיינעם אין מוח, בײַ קיינעם אין האַרץ. עס איז פֿון אים קיין זכר נישט געבליבן.

„קיין קינד, קיין רינד"; עלנט געלעבט — עלנט געשטאָרבן!

ווען נישט דאָס מענטשלעכע גערודער, וואָלט אפֿשר עמעצער אַ מאָל דערהערט, ווי באָנטשעס מאַרכבײן האָט אונטער, דער לאַסט געקנאַקט; וואָלט די וועלט מער צײַט געהאַט; וואָלט עמעצער אַ מאָל באַמערקט, אַז באָנטשע (אויך אַ מענטש) האָט לעבעדיקערהייט צוויי אויסגעלאָשענע אויגן און שרעקלעך־אײַנגעפֿאַלענע באַקן, אַז אַפֿילו ווען ער האָט גאָר שוין קיין לאַסט נישט אויף די פּלייצעס, איז אים אויך דער קאָפּ צו דער ערד געבויגן, גלײַך ער וואָלט לעבעדיקערהייט זײַן קבֿר געזוכט. וואָלטן אַזוי ווייניק מענטשן ווי פֿערד אין טראַמוויי געווען, וואָלט אפֿשר אַ מאָל עמעצער געפֿרעגט: ווו איז באָנטשע אַהינגעקומען?!

**БОНЦЯ-МОЛЧАЛЬНИК**

Здесь, на этом свете, смерть Бонци не произвела никакого впечатления. Попробуйте спросите кого-нибудь, *кто* он такой, Бонця, *как* жил, *отчего* умер... *Сердце* ли у него разорвалось, *силы* иссякли или же позвоночник переломился под тяжкой ношей? Кто его знает? Может быть, он от голода умер?

Пала бы в конке лошадь, это вызвало бы больший интерес. И газеты писали бы, и сотни зевак сбежались бы со всех концов города посмотреть на падаль; даже место происшествия и то не оставили бы без внимания...

Но будь на свете лошадей столько же, сколько людей,— тысяча миллионов! — несчастная лошадь тоже не удостоилась бы такой чести!

Бонця тихо жил и тихо умер; точно тень, промелькнул он в *нашем* мире.

Когда над Бонцей совершали обряд обрезания, не пенилось вино, не звенели бокалы. К бармицве Бонця не произнес цветистой речи... Он жил среди миллионов ему подобных, как маленькая серая песчинка на берегу моря. Когда ветер поднял его и перенес на другой берег, никто этого не заметил.

При жизни Бонци даже липкая грязь не сохранила отпечатка его ноги; после смерти ветер повалил убогую дощечку на его могиле. Жена могильщика нашла эту дощечку где-то в стороне и сожгла ее, сварив горшок картошки... Три дня прошло после Бонциной смерти, а подите спросите могильщика, где он похоронен...

Был бы на могиле Бонци надгробный камень, его лет через сто, возможно, нашел бы какой-нибудь исследователь старины и имя «Бонця-молчальник» прогремело бы на весь мир.

Как тень промелькнул Бонця. Облик его не запечатлелся ни в чьем мозгу, ни в чьем сердце. От Бонци и следа не осталось.

«Ни дитяти, ни теляти»; одиноко жил, в одиночестве умер!

Если бы не мирская суета, может быть, кто-нибудь и услышал бы, как хрустит под тяжкой ношей Бонцин позвоночник. Если бы мир не был так занят, может, кто-нибудь и заметил бы, что у Бонци, живого человека, потухшие глаза и впалые щеки; что даже тогда, когда спина свободна от ноши, голова у него все равно клонится долу, будто он еще при жизни ищет себе могилу. Будь людей так же мало, как лошадей, запряженных в конку, кто-нибудь, возможно, и поинтересовался бы: «Куда девался Бонця?»

Когда Бонцю отвезли в больницу, его угол в подвале не остался пустовать — сразу же нашлось пятеро охотников занять его; когда Бонцю перенесли в мертвецкую, его больничную койку уже дожидались двадцать других бедняков... Не успели Бонцю вынести из мертвецкой, как туда доста-



9

װען מען האָט באָנטשען אין שפּיטאָל אַרײַנגעפֿירט, איז זײַן װינקל אין פּוטערינע[2] נישט לײדיק געבליבן — עס האָבן דערױף צען זײַנס גלײַכן דערװאַרט און צװישן זיך דעם װינקל אין פּלוס[3] ליציטירט. װען מען האָט׳ן פֿון שפּיטאָלבעט אין טױטנשטיבל אַרײַנגעטראָגן, האָבן אױפֿן בעט צװאָנציק אָרעמע קראַנקע געװאַרט... װען ער איז אַרױס פֿון טױטנשטיבל — האָט מען צװאָנציק הרוגים פֿון אונטער אַן אײַנגעפֿאַלענעם הױז געבראַכט — — װער װײסט, װי לאַנג ער װעט רויק װײלן אין קבֿר? װער װײסט, װיפֿל עס װאַרטן שױן אױף דעם שטיקל פּלאַץ...

שטיל געבױרן, שטיל געלעבט, שטיל געשטאָרבן און נאָך שטילער באַגראָבן — — — — — — — — — — — — — — —

נאָר נישט אַזױ איז געװען אױף יענער װעלט! דאָרטן האָט באָנטשעס טױט אַ גרױסן אײַנדרוק געמאַכט.

דער גרױסער שופֿר פֿון משיחס צײַטן האָט געקלונגען אין אַלע זיבן הימלען: באָנטשע שװײַג איז נפֿטר געװאָרן! די גרעסטע מלאָכים מיט די ברײטסטע פֿליגל זײַנען געפֿלױגן און אײנער האָט דעם אַנדערן איבערגעגעבן: באָנטשע איז נתבקש געװאָרן בישיבֿה של מעלה! אין גן־עדן איז אַ רעש, אַ שׂמחה, אַ גערודער: „באָנטשע שװײַג! אַ שפּאַס, באָנטשע שװײַג!!!“

יונגע מלאָכימלעך מיט בריליאַנטענע אײגעלעך, גאָלדענע דראָט־אַרבעטנדיקע פֿליגעלעך און זילבערנע פּאַנטאָפֿעלעך זײַנען באָנטשען אַנטקעגנגעפֿלױגן מיט שׂמחה. דער גערױש פֿון די פֿליגל, דאָס קלאַפּן פֿון די פּאַנטאָפֿעלעך און דאָס פֿרײלעכע לאַכן פֿון די יונגע, פֿרישע, רױזיקע מײַלעכלעך האָט פֿאַרפֿולט אַלע הימלען. און איז צוגעקומען ביז צום כּסא הכּבֿוד, און גאָט אַלײן האָט אױך שױן געװוּסט, אַז באָנטשע שװײַג קומט.

אבֿרהם אָבֿינו האָט זיך אין טױער פֿון הימל געשטעלט, די רעכטע האַנט אױסגעשטרעקט צום ברײטן שלום עליכם און אַ זיסער שמײכל שײַנט אַזױ העל אױף זײַן אַלטן פּנים.

װאָס רעדלט אַזױ אין הימל? דאָס האָבן צװײ מלאָכים אין גן־עדן אַרײַן פֿאַר באָנטשעס װעגן אַ גינגאָלדענעם פֿאָטערשטול אױף רעדלעך געפֿירט.

װאָס האָט אַזױ העל געבליצט? דאָס האָט מען דורכגעפֿירט אַ גאָלדענע קרױן מיט די טײַערסטע שטײנער געזעצט. אַלץ פֿאַר באָנטשען!

— נאָך פֿאַר׳ן פּסק פֿון בית־דין של מעלה? — פֿרעגן די צדיקים פֿאַרװוּנדערט און נישט גאָר אָן קנאה.

— אָ! — ענטפֿערן די מלאָכים — דאָס װעט זײַן אַ פּראָסטע פּוסטע פֿאָרמע! קעגן באָנטשע שװײַג װעט אַפֿילו דער קטיגור קײן װאָרט אין מױל נישט געפֿינען! די „דיעלע“[4] װעט דױערן פֿינף מינוט.

— איר שפּילט זיך מיט באָנטשע שװײַג?

*

אַז די מלאָכימלעך האָבן באָנטשען געכאַפּט אין דער לופֿט און צעפֿגעשפּילט אים אַ זמר; אַז אבֿרהם אָבֿינו האָט אים װי אַן אַלטן קאַמעראַד די האַנט געשאָקלט; אַז ער האָט געהערט, אַז זײַן שטול איז גרײט אין גן־עדן; אַז אױף זײַן קאָפּ װאַרט אַ קרױן; אַז אין בית־דין של מעלה װעט מען איבער אים קײן װאָרט נישט רײדן — האָט באָנטשע, גלײַך װי אױף יענער װעלט, געשװיגן פֿאַר שרעק. עס איז אים דאָס האַרץ אַנטגאַנגען! ער איז זיכער, אַז דאָס מוז זײַן אַ חלום אָדער אַ פּראָסטער טעות.

ער איז צו בײדע געװױנט. נישט אײן מאָל האָט אים אױף יענער װעלט זיך געחלומט, אַז ער קלײַבט געלט אױף דער פּאָדלאָגע: גאַנצע אוצרות ליגן... און אױפֿגעכאַפּט האָט ער זיך נאָך אַ

вили из-под обвалившегося дома двадцать убитых — кто знает, долго ли будет Бонця покоиться в могиле. Не слишком ли многие дожидаются и этого места?

Без лишнего шума явился он на свет, неприметно жил, тихо умер и еще тише сошел в могилу...

На *том* свете, однако, все было по-другому. *Там* смерть Бонци произвела огромное впечатление.

Мощный рог мессии протрубил на все семь небес: «Бонця-молчальник *преставился!*» Паря на своих широких крыльях, самые представительные серафимы сообщали друг другу: «Бонця призван на небо!» В раю шум, радостное волнение: «Бонця-молчальник! Шутка ли, Бонця-молчальник пожаловал!!!»

Юные ангелочки с бриллиантовыми глазками и с тонкими золотыми крылышками ювелирной работы, обутые в серебряные башмачки, ликуя, полетели навстречу Бонце. Хлопанье крыльев, стук башмачков, резвый смех юных, свежих, розовоустых ангелочков — все это заполнило небеса и достигло трона всевышнего,— сам бог узнал, что прибывает Бонця!

У небесных врат, готовый приветствовать Бонцю, стоит с протянутой рукой праотец Авраам, и старческое лицо его светится радушной улыбкой.

Что *там* гремит вдалеке?

Это два ангела катят в рай золотое кресло на колесиках для Бонци.

Что это так ярко сверкает?

Это привезли золотой венец, усыпанный драгоценными каменьями. Тоже для Бонци!

— Еще до решения небесного суда? — с удивлением и не без зависти спрашивают праведники.

— О, суд не более чем пустая формальность,— отвечают им ангелы.— Против Бонци даже у обвинителя язык не повернется. Дело продлится пять минут. Подумайте сами, Бонця-молчальник...

Когда ангелы подхватили Бонцю в воздухе и сыграли гимн в его честь, а праотец Авраам пожал ему руку, как старому другу, когда Бонця услышал, что для него уготовано кресло в раю, что его голову ожидает венец, что в небесном суде против него и слова не скажут, он, как и прежде на земле, молчал. У него сердце упало от страха. Ведь все это могло быть только сном или же простым недоразумением.

И то и другое для Бонци не внове. Ему и прежде не раз

גרעסערער קבצן ווי נעכטן... נישט איין מאָל האָט אים עמעץ בטעות צוגעשמייכלט, אַ גוט וואָרט געזאָגט און איבערגעדרייט זיך און אויסגעשפּיגן...

— מײַן מזל — טראַכט ער — איז שוין אַזוי!

און ער האָט מורא די אויגן אויפֿצוהייבן, דער חלום זאָל נישט פֿאַרשווינדן; ער זאָל זיך נישט אויפֿכאַפּן ערגעץ אין אַ הייל צווישן שלאַנגען און עקדישן; ער האָט מורא פֿון מויל אַ קלאַנג אַרויסצולאָזן, מיט אַ גליד אַ ריר צו טאָן — מען זאָל אים נישט דערקענען און אַוועקשלײַדערן אויף כּף־הקלע...

ער ציטערט און הערט נישט די מלאָכימס קאָמפּלימענטן, זעט נישט זייער טאַנצן אַרום אים, ער ענטפֿערט נישט אַבֿרהם אָבֿינו אויפֿן האַרצלעכן שלום עליכם און — געפֿירט צום בית־דין של מעלה — זאָגט ער אים קיין גוט־מאָרגן נישט...

---

אויסער זיך איז ער פֿאַר שרעק.

און זײַן שרעק איז נאָך גרעסער געוואָרן, אַז ער האָט נישט ווילנדיק דערזען די פּאָדלאָגע פֿון בית־דין של מעלה, סאַמע אַלבאַסטער מיט בריליאַנטן! „אויף אַזאַ פּאָדלאָגע שטייען מײַנע פֿיס!“ — ער ווערט אין גאַנצן פֿאַרשטאַרט. „ווער ווייסט, וועלכן גבֿיר, וועלכן רבֿ, וועלכן צדיק מען מיינט... ער וועט קומען — וועט זײַן מײַן פֿינצטערער סוף!“

פֿאַר שרעק האָט ער אַפֿילו נישט געהערט, ווי דער פּרעזעס האָט בפֿירוש אויסגערופֿן: „די דיעלע פֿון באָנטשע שווײַג!“ און דערלאַנגענדיק דעם מליץ־יושר די אַקטן, געזאָגט: „לייען, נאָר בקיצור!“

מיט באָנטשען דרייט זיך דער גאַנצער סאַלאָן, עס רוישט אים אין די אויערן. אינעם גערויש הערט ער דאָך אַלע מאָל שאַרפֿער און שאַרפֿער דעם מלאך־מליצס זיסן קול ווי אַ פֿידל:

— זײַן נאָמען — הערט ער — האָט אים געפּאַסט ווי צו אַ שלאַנקן לײַב אַ קלייד פֿון אַן אַרטיסט אַ שנײַדערס האַנט.

— וואָס רעדט ער? — פֿרעגט זיך באָנטשע און ער הערט ווי אַן אומגעדולדיקער קול האַקט־איבער און זאָגט:

— נאָר אָן משלים!

— ער האָט זיך קיין מאָל — הייבט ווײַטער אָן דער מליץ־יושר — אויף קיינעם נישט געקלאָגט, נישט אויף גאָט, נישט אויף לײַט. אין זײַן אויג האָט קיין מאָל נישט אויפֿגעפֿלאַמט קיין פֿונק פֿון האַס. ער האָט עס קיין מאָל נישט אויפֿגעהויבן מיט אַ פּרעטענזיע צום הימל.

באָנטשע פֿאַרשטייט ווײַטער נישט אַ וואָרט און דאָס האַרטע קול שלאָגט ווײַטער איבער:

— אָן רעטאָריק!

— איוב האָט נישט אויסגעהאַלטן. ער איז אומגליקלעכער געווען — —

— פֿאַקטן, טרוקענע פֿאַקטן! — רופֿט נאָך אומגעדולדיקער דער פּרעזעס.

— צו אַכט טעג האָט מען אים מל געווען —

— נאָר אָן רעאַליזם!

— אַ מוהל אַ פּושער האָט דאָס בלוט נישט פֿאַרהאַלטן...

— ווײַטער!

— ער האָט אַלץ געשוויגן — פֿירט ווײַטער דער מליץ־יושר — אַפֿילו ווען די מוטער איז אים געשטאָרבן און ער האָט צו דרײַצן יאָר אַ שטיפֿמאַמע באַקומען... אַ שטיפֿמאַמע אַ שלאַנג, אַ מרשעת...

— מיינט מען דאָך אפֿשר פֿאַרט מיך? — טראַכט באָנטשע.

— אָן אינסינואַציעס אויף דריטע פּערזאָנען! — בייזערט זיך דער פּרעזעס.

— זי פֿלעגט אים קאַרגן דעם ביסן... אייערנעכטיק פֿאַרשימלט ברויט... האַרפֿלאַקס פֿאַר פֿלייש... און זי האָט קאַווע מיט סמעטענע געטרונקען...

снилось, что он подбирает с пола деньги, целый клад... А просыпался он еще большим бедняком, чем накануне. Не раз случалось, что кто-нибудь по ошибке улыбнется ему, скажет доброе слово, а потом отвернется и сплюнет...

«Такая уж у меня судьба!» — думает Бонця.

И ему страшно поднять глаза, как бы сновидение не исчезло. Не проснется ли он в пещере среди змей и скорпионов? Ему страшно сказать слово, страшно пошевелиться: а вдруг его узнают и швырнут в преисподнюю...

До перепуганного Бонци не доходят комплименты ангелов, сопровождающих его в небесное судилище, он не замечает, как они пляшут вокруг него, а праотцу Аврааму, который сердечно приветствует его, он даже не отвечает.

Он вне себя от страха.

Ужас Бонци еще больше увеличивается, когда взгляд его нечаянно падает на пол небесного судилища. Мрамор, усыпанный чистыми бриллиантами! «И на таком полу стоят мои ноги!» Бонця застывает на месте. «Кто знает, с каким богачом или раввином, с каким праведником меня здесь спутали... Вот явится, и тогда мне крышка!»

От страха он не слышит, как председатель четко объявляет: «Дело Бонци-молчальника!» И передает защитнику бумаги: «Говори, только покороче!»

Весь зал кружится перед глазами Бонци. В ушах у него шумит. Но чем дальше, тем яснее доносится до него сладостный, как звуки скрипки, голос защитника.

— Его имя,— слышит Бонця,— подходило ему, как стройной фигуре платье, сшитое руками артиста портного.

«Что он такое говорит?» — спрашивает себя Бонця. Но тут нетерпеливый голос перебивает защитника:

— Только без аллегорий!

— Никогда,— продолжает защитник,— он ни на кого не жаловался, ни на бога, ни на людей; огонь ненависти никогда не вспыхивал в его глазах, он никогда не поднимал их к небу с претензией.

Бонця все еще не понимает ни слова, между тем резкий голос опять прерывает защитника:

— Без риторики!

— Иов * не выдержал, а Бонця был несчастнее Иова...

— Факты, сухие факты! — еще нетерпеливее требует председатель.

— К восьми дням над ним совершили обряд обрезания.

— Излишний реализм!

— Проходимец-резник не смог остановить кровь...

— צו דער זאַך! — שרייַט דער פּרעזעס.

— זי האָט פֿאַר דאָס קיין נעגל נישט געקאַרגט און זײַן ברוין־אויך־בלויער לײַב פֿלעגט אַרויסקוקן דורך אַלע לעכער פֿון זײַנע פֿאַרשימלט־צעריסענע קליידער... ווינטער אין די גרעסטע פֿרעסט האָט ער איר באָרוועס אויפֿן הויף האָלץ געהאַקט און די הענט זײַנען צו יונג און צו שוואַך געווען, די קלעצלעך צו דיק, די האַק צו שטומפּיק... נישט איין מאָל האָט ער זיך די פֿיס אָפּגעפֿרוירן, נאָר געשוויגן האָט ער, אַפֿילו זיך פֿאַרן פֿאָטער...

— פֿאַרן שיכּור! — לאַכט־אַרײַן דער קטיגור און באָנטשען ווערט קאַלט אין אַלע אבֿרים.

— נישט געקלאָגט! — ענדיקט דער מליץ־יושר דעם זאַץ.

— און שטענדיק עלנט — פֿירט ער ווײַטער — קיין חבֿר, קיין תּלמוד תּורה, קיין חדר... קיין גאַנץ בגד... קיין פֿרײַע מינוט...

— פֿאַקטן! — רופֿט ווײַטער דער פּרעזעס.

— ער האָט געשוויגן אַפֿילו שפּעטער, ווען דער פֿאָטער האָט'ן שיכּורערהייט אַ מאָל אָנגעכאַפּט בײַ די האָר און אין מיטן אַ שנייענדיקער ווינטערנאַכט אַרויסגעוואָרפֿן פֿון שטוב. ער האָט זיך שטיל אויפֿגעהויבן פֿון שניי און אַנטלאָפֿן, ווו די אויגן האָבן אים געטראָגן...

אויפֿן גאַנצן וועג האָט ער געשוויגן... בײַם גרעסטן הונגער האָט ער נאָר מיט די אויגן געבעטלט!

ערשט אין אַ שווינדלענדיקער, נאַסער פֿרילינגנאַכט איז ער אין אַ גרויסער שטאָט אַרײַנגעקומען; ער איז אַרײַן ווי אַ טראָפּן אין ים און דאָך האָט ער די אייגענע נאַכט אין אַרעסט פֿאַרבראַכט... ער האָט געשוויגן, נישט געפֿרעגט: פֿאַר וואָס? פֿאַר ווען? ער איז אַרויס און די שווערסטע אַרבעט געזוכט. נאָר ער האָט געשוויגן!

שווערער פֿאַר דער אַרבעט איז געווען זי צו געפֿינען — ער האָט געשוויגן!

באָדנדיק זיך אין קאַלטן שווייס, צוזאַמענגעדריקט אונטער דער שווערסטער לאַסט, בײַם גרעסטן קראַמף אין ליידיקן מאָגן — האָט ער געשוויגן!

באַשפּריצט פֿון פֿרעמדער בלאָטע, באַשפּיגן פֿון פֿרעמדע מײַלער, געיאָגט פֿון טראָטואַרן מיט דער שווערסטער לאַסט אַראָפּ אין גאַסן צווישן דראָזשקעס[5], קאַרעטן און טראַמווײַען, קוקנדיק יעדע מינוט דעם טויט אין די אויגן אַרײַן — האָט ער געשוויגן!

ער האָט קיין מאָל נישט איבערגערעכנט, וויפֿל פּוד לאַסט עס קומט־אויס אויף אַ גראָשן, וויפֿל מאָל ער איז געפֿאַלן בײַ יעדן גאַנג פֿאַר אַ דרײַער, וויפֿל מאָל ער האָט שיִער נישט די נשמה אויסגעשפּיגן, מאָנענדיק זײַן פֿאַרדינסט; ער האָט נישט גערעכנט, נישט זײַן, נישט יענעמס מזל, נאָר געשוויגן!

זײַן אייגן פֿאַרדינסט האָט ער אויך נישט הויך געמאָנט. ווי אַ בעטלער האָט ער זיך בײַ דער טיר געשטעלט און אין די אויגן האָט זיך אַ הינטישע בקשה געמאָלט. „קום שפּעטער" — און ער איז פֿאַרשוווּנדן שטיל, ווי אַ שאָטן, כּדי שפּעטער נאָך שטילער אויסצובעטלען זײַן פֿאַרדינסט.

ער האָט אַפֿילו געשוויגן, ווען מען פֿלעגט אים אָפּרײַסן פֿון זײַן פֿאַרדינסט אָדער אַרײַנוואַרפֿן אַ פֿאַלשע מטבע...

ער האָט אַלץ געשוויגן...

— מיינט מען דאָך טאַקע מיך! — טרייסט זיך באָנטשע.

*

— איין מאָל — פֿירט ווײַטער דער מליץ־יושר נאָך אַ טרונק וואַסער — איז אין זײַן לעבן אַן ענדערונג געשען... עס איז דורכגעפֿלויגן אַ קאַטש אויף גומענע רעדער מיט צעפּלאָשעטע פֿערד... דער שמײַסער איז שוין לאַנג פֿון ווײַטנס געלעגן מיט אַ צעשפּאָלטענעם קאָפּ אויפֿן ברוק... פֿון די דערשראָקענע פֿערדס מײַלער

— Дальше!

— В тринадцать лет он потерял мать,— продолжает защитник,— и получил взамен мачеху-злючку, змею... Но он молчал...

«Может быть, это в самом деле про меня...» — думает Бонця.

А председатель сердито:

— Прошу без инсинуаций!

— Она скупилась на еду для него... Заплесневелый хлеб... Мочало вместо мяса... А сама пила кофе со сливками.

— Ближе к делу! — кричит председатель.

— Зато она, не скупясь, пускала в ход свои ногти; синяки выглядывали из всех дырок обветшалой одежды, покрывавшей его тело... Зимой, в лютый мороз, она выгоняла мальчика, босого, во двор колоть дрова. Руки его были еще слишком малы и слабы, поленья были слишком толстые, а топор — тупой. Не раз рука его чуть не выскакивала из сустава, не раз отмораживал он ноги и все же молчал. Даже отцу...

— Этому пьянице...— со смешком вставляет обвинитель, и Бонця холодеет.

— Не жаловался,— заканчивает фразу защитник.— И вечно один... Без товарищей... Ни талмудторы *, ни хедера... Всегда в отрепьях и... ни одной свободной минуты.

— Факты! — снова призывает председатель.

— Когда отец спьяну схватил его за шиворот и вьюжной зимней ночью выбросил на улицу, он и тогда не издал ни звука. Тихо поднялся с заснеженной земли и пошел куда глаза глядят...

Молча шагал он по дороге. Голодный, только глаза молили о помощи. Лишь к весне в вихре ненастной ночи он добрался до большого города. Растворился в нем, точно капля в море, и провел ту ночь в участке... Бонця молчал, не допытывался, за что, почему... Выпущенный на свободу, он стал сразу искать работу, пусть самую тяжелую...

Поиски оказались труднее самой работы, но он не роптал.

Обливаясь холодным потом, согнувшись под непосильной ношей, с мучительными судорогами в желудке — он молчал.

Обрызганный уличной грязью, оплеванный, покорно, с грузом на спине идя по мостовой среди карет, дрожек и конок, он молчал.

Он никогда не вел счета пудам груза на своей спине, за которые получал полушку, не запоминал, сколько раз падал, выполняя поручение за алтын, как часто чуть не испускал дух, пока получал заработанное; он не задумывался ни над своей, ни над чужой судьбой, он молчал!

Свой собственный заработок он не решался громко требовать. Как нищий, останавливался у порога, с собачьей мольбой в глазах. «После приходи!» — и Бонця исчезал тихо, как тень, чтобы после снова безмолвно выпрашивать то, что ему следовало.

Когда урывали что-нибудь из его заработка или вовсе отделывались от него фальшивой монетой, он и то не спорил.

Он молчал...

«Да это в самом деле про меня!» — успокаивается Бонця.

— Однажды,— продолжает защитник, глотнув из стакана,— в жизни Бонци произошла перемена... Испуганные лошади помчали карету на резиновых шинах... Кучер лежал на мостовой с раздробленным черепом. Лошади брызгали пеной, глаза горели, как темной ночью пылающие факелы, подковы высекали искры, а в карете ни жив ни мертв сидел человек.

שפּריצט דער שוים; פֿון אונטער די פּאַדקאָווועס יאָגן זיך פֿונקען; די אויגן בלישטשען ווי ברענענדיקע שטורקאַצן אין אַ פֿינצטערער נאַכט — און אין קאַטש זיצט, נישט טויט, נישט לעבעדיק, אַ מענטש.

און באָנטשע האָט די פֿערד פֿאַרהאַלטן!

און דער געראַטעוועטער איז געווען אַ ייִד אַ בעל־צדקה און האָט באָנטשען די טובֿה נישט פֿאַרגעסן.

ער האָט אים דעם געהרגעטנס בייטש איבערגעגעבן; באָנטשע איז אַ שמײַסער געוואָרן. נאָך מער — ער האָט אים חתונה געמאַכט. נאָך מער — — ער האָט אים אַפֿילו מיט אַ קינד פֿאַרזאָרגט...

און באָנטשע האָט אַלץ געשוויגן!

— מיך מיינט מען, מיך! — באַפֿעסטיקט זיך באָנטשע אין דער דעה און האָט דאָך נישט די העזה אַן אויג צו וואַרפֿן אויפֿן בית־דין של מעלה...

ער הערט זיך ווײַטער אײַן צום מלאך־מליץ:

ער האָט געשוויגן, אַפֿילו ווען זײַן בעל־טובֿה האָט אין קורצן באַנקראָטירט און אים זײַן לוין נישט באַצאָלט...

ער האָט געשוויגן, אַפֿילו ווען דאָס ווײַב איז פֿון אים אַנטלאָפֿן און איבערגעלאָזט אים אַ קינד פֿון דער ברוסט...

ער האָט געשוויגן אַפֿילו מיט פֿופֿצן יאָר שפּעטער, ווען דאָס קינד איז אויפֿגעוואַקסן און גענוג שטאַרק געווען — באָנטשען אַרויסצוּוואַרפֿן פֿון שטוב...

— מיך מיינט מען, מיך! — פֿרייט זיך באָנטשע.

*

— ער האָט אַפֿילו געשוויגן — הייבט־אָן ווייכער און טרויעריקער דער מלאך־מליץ — ווען דער אייגענער בעל־טובֿה האָט זיך מיט אַלע אויסגעגליַיכט. נאָר אים קיין גראָשן שכירות נישט צוריקגעבן, און אַפֿילו דעמאָלט, ווען ער איז באָנטשען (ווײַטער פֿאָרנדיק אויף אַ קאַטש מיט גומענע רעדער און פֿערד ווי לייבן) איבערגעפֿאָרן...

ער האָט אַלץ געשוויגן! ער האָט אַפֿילו דער פּאָליציי נישט געזאָגט, ווער עס האָט אים צו רעכט געמאַכט...

*

ער האָט געשוויגן אַפֿילו אין שפּיטאָל, וווּ מען מעג שוין שרײַען!

ער האָט געשוויגן, אַפֿילו ווען דער דאָקטער האָט — אָן פֿופֿצן קאָפּיקעס — נישט געוואָלט צוגיין צו זײַן בעט און דער וועכטער — אָן פֿינף קאָפּיקעס — טוישן אים די וועש...

ער האָט געשוויגן בײַם גוססן — ער האָט געשוויגן בײַם שטאַרבן...

קיין וואָרט קעגן גאָט, קיין וואָרט קעגן לײַט!

— דיקסי!

*

באָנטשע הייבט־אָן ווײַטער צו ציטערן אויפֿן גאַנצן לײַב. ער ווייסט, אַז נאָכן מליץ־יושר גייט דער קטיגור. ווער ווייסט, וואָס דער וועט זאָגן! באָנטשע אַליין האָט זײַן לעבן נישט געדענקט. נאָך אויף יענער וועלט האָט ער יעדע מינוט די פֿריִערדיקע פֿאַרגעסן... דער מלאך־מליץ האָט אים אַלץ דערמאָנט... ווער ווייסט, וואָס דער קטיגור וועט אים דערמאָנען!

— רבותי! — הייבט־אָן אַ שאַרף־שטעכנדיק־בריִענדיקער קול — נאָר ער האַקט־אָפּ —

— רבותי! — הייבט ער נאָך אַ מאָל אָן, נאָר ווייכער און האַקט ווײַטער אָפּ.

ענדלעך הערט זיך, פֿון דעם אייגענעם האַלדז אַרויס, כמעט אַ ווייך קול:

— רבותי! ער האָט געשוויגן! וועל איך אויך שווײַגן!

עס ווערט שטיל — און פֿון פֿאָרנט הערט זיך אַ נײַע, ווייכע, ציטערדיקע שטימע:



И Бонця остановил лошадей.

Спасенный оказался щедрым благодетелем. Бонциной услуги он не забыл и вручил ему кнут убитого; Бонця стал кучером...

Позже благодетель женил его, более того, даже ребенком обеспечил.

А Бонця молчал...

«Это все про меня, про меня говорят!» — укрепляется в своей уверенности Бонця, но поднять глаза на судей все же не решается.

Он слушает дальше.

— Благодетель вскоре обанкротился и не заплатил ему жалованья, а Бонця молчал.

Он молчал и тогда, когда жена сбежала, оставив у него на руках грудного ребенка.

А когда пятнадцать лет спустя этот ребенок вырос и достаточно окреп для того, чтобы выставить Бонцю за дверь, Бонця все так же молчал...

«Про меня говорят, про меня!» — радуется Бонця.

— Он молчал,— еще более мягким и печальным голосом продолжает защитник,— когда тот же благодетель со всеми расплатился, а ему не дал ни гроша; он не вознроптал, когда запряженная лошадьми-орлами карета на резиновых шинах, на которой снова катил благодетель, переехала его самого...

Бонця все молчал! И не сказал полицейскому, кто его изувечил...

Даже в больнице, где кричать дозволено всем, Бонця молчал.

Он ни слова не говорил, когда доктор не подходил к его постели, а служитель не хотел менять ему белье, потому что у Бонци не было пятиалтынного для первого и пятака для второго.

Он молчал во время агонии, молчал до последнего вздоха.

Ни слова против бога, ни слова против людей!

Дикси! [1]

Бонця снова начинает дрожать всем телом. Он знает, что после защитника будет говорить обвинитель. Что он скажет? Сам Бонця о своей жизни не мог бы рассказать — каждая новая минута заслоняла предыдущую... Добрый ангел ему о многом напомнил... Кто знает, о чем напомнит злой...

— Господа! — раздается резкий, пронзительный голос и тут же обрывается.— Господа,— произносит тот же голос несколько мягче и снова умолкает.

Наконец он заключает без всякой злости:

— Господа! Он молчал — и я буду молчать!

В наступившей тишине слышится другой, дрожащий от нежности голос:

— Бонця, дитя мое Бонця! — Словно арфа поет: — Дитя мое Бонця!

Что-то плачет в Бонцином сердце. Он бы теперь уже решился поднять глаза, но их застилают слезы. Никогда еще не испытывал он такой сладостной печали. «Мое дитя!», «Мой Бонця!». С тех пор как умерла мать, ему ни такого голоса, ни таких слов не приходилось слышать.

— Дитя мое! — тем временем продолжает председатель суда,— ты все терпел и молчал. А ведь на теле твоем живого места нет, каждая твоя косточка кричит от боли, и в

[1] Я высказался! (*лат.*)

— באַנטשע, מײַן קינד באַנטשע! — רופֿט זי אים ווי אַ האַרפֿע... — מײַן האַרציק קינד באַנטשע!

אין באַנטשען צעווײנט זיך דאָס האַרץ... ער וואָלט שוין אַצינד די אויגן געעפֿנט, נאָר זיי זײַנען פֿאַרפֿינצטערט פֿון טרערן... עס איז אים אַזוי זיס־ווײנענדיק קיין מאָל נישט געווען... „מײַן קינד", „מײַן באַנטשע" — זינט די מוטער איז געשטאָרבן האָט ער אַזאַ קול און אַזוינע ווערטער נישט געהערט...

— מײַן קינד! — פֿירט ווײַטער דער אַב־בית־דין — דו האָסט אַלץ געליטן און געשוויגן! עס איז נישטאָ קיין גאַנץ גליד, קיין גאַנץ ביינדל אין דײַן לײַב אָן אַ ווונד, אָן אַ בלוטיקן אָרט. עס איז נישטאָ קיין אין באַהאַלטן אָרט אין דײַן נשמה, וווּ עס זאָל נישט בלוטן... און דו האָסט אַלץ געשוויגן... דאָרט האָט מען זיך נישט פֿאַרשטאַנען דערויף. דו אַליין האָסט גאָר אפֿשר נישט געוווּסט, אַז דו קאָנסט שרײַען, און אַז פֿון דײַן געשריי קאָנען יריחוס מויערן ציטערן און אײַנפֿאַלן... דו אַליין האָסט פֿון דײַן פֿאַרשלאָפֿענעם כּוח נישט געוווּסט... אויף יענער וועלט האָט מען דײַן שווײַגן נישט באַלוינט, נאָר דאָרט איז דער עולם השקר, דאָ אויפֿן עולם אמת וועסט דו דײַן לוין באַקומען! דיך וועט דאָס בית־דין של־מעלה נישט משפּטן, דיך וועט עס נישט פּסקענען. דיר וועט עס קיין חלק נישט אויס־ און נישט אָפּטיילן: נעם דיר, וואָס דו ווילסט! אַלץ איז דײַן!

באַנטשע הייבט דאָס ערשטע מאָל די אויגן אויף. ער ווערט ווי פֿאַרבלענדט פֿון דעם ליכט פֿון אַלע זײַטן. אַלץ בלאַנקט. אַלץ בלישטשעט, פֿון אַלעם יאָגן שטראַלן: פֿון די ווענט, פֿון די כּלים, פֿון די מלאָכים, פֿון די דיינים! סאַמע ענגלען!

ער לאָזט די מידע אויגן אַראָפּ.

— טאַקע? — פֿרעגט ער מסופּק און פֿאַרשעמט.

— זיכער! — ענטפֿערט פֿעסט דער אַב־בית־דין — זיכער, זאָג איך דיר, אַז אַלץ איז דײַנס. אַלץ אין הימל געהער צו דיר! קלײַב און נעם, וואָס דו ווילסט, דו נעמסט נאָר בײַ דיר אַליין!

— טאַקע? — פֿרעגט באַנטשע נאָך אַ מאָל, נאָר שוין מיט אַ זיכערן קול.

— טאַקע! טאַקע! טאַקע! — ענטפֿערט מען אים אויף זיכער פֿון אַלע זײַטן.

— נו, אויב אַזוי — שמייכלט באַנטשע — וויל איך טאַקע אַלע טאָג אין דער פֿרי אַ הייסע בולקע מיט פֿרישע פּוטער!

דיינים און מלאָכים האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ פֿאַרשעמט. דער קטיגור האָט זיך צעלאַכט.

душе нет такого уголка, где бы не кровоточила рана... А ты все молчал...

Там никто этого не ценил. А ты и не знал, что можешь кричать, что твой крик заставил бы рухнуть стены Иерихона. Ты и не подозревал о скрытой в тебе силе...

Там, в мире суеты, ты не был вознагражден за свое молчание, но здесь, в мире вечном, оценят твои заслуги.

Небесный суд не станет выносить никакого решения, никакого приговора. Никто не станет выделять тебе какую-то долю. Бери что хочешь... Здесь все твое!

Бонця первый раз поднимает глаза. Его ослепляет блеск и сияние. И стены, и вещи, и сами судьи излучают свет. Вокруг одни ангелы!

Бонця опускает усталые глаза.

— Правда, мое? — спрашивает он неуверенно.

— Правда! — твердо отвечает председатель. — Говорю тебе определенно: здесь все твое, все в небе принадлежит тебе. Весь этот свет, все это сияние — лишь отражение твоей неоцененной доброты, отблеск твоей души. Свое ты берешь, не чужое...

— Правда? — переспрашивает Бонця уже более уверенно.

— Правда! Правда! Правда! — летят заверения со всех сторон.

— Если так, — улыбается Бонця, — я хочу каждый день к завтраку горячую булку со свежим маслом!

Судьи и ангелы опустили головы от стыда. Обвинитель расхохотался.